# THE SHEPHERD OF ISRAEL

Subscription 50 Cents a Year. FEBRUARY 1972 Vol. 56 - No. 6

# THE MIRACLE OF ISRAEL

**By RACHMIEL FRYDLAND**

ABOUT A CENTURY ago the great American bard, Henry Wadsworth Longfellow, wrote his well-known poem entitled *The Jewish Cemetery at Newport.* This poem breathes love, sympathy, and admiration for the Jewish people, and carries a rebuke and condemnation for the so-called Christians who "mocked, jeered and spurned" the Jewish Mordecais.

> Anathema maranatha! was the cry
> That rang from town to town, from street to street:
> At every gate the accursed Mordecai
> Was mocked and jeered, and spurned by Christian feet.
>
> Pride and humiliation hand in hand
> Walked with them through the world where'er they went;
> Trampled and beaten were they as the sand,
> And yet unshaken as the continent.

POETRY VERSUS PROPHECY

Longfellow was a great poet and a friend of the Jewish people; but he was either ignorant of God's Word, or he chose to ignore what the Bible has to say concerning the future of the Jewish people. Otherwise he would not have concluded his poem as follows:

> But ah! what once has been shall never be more:
> The groaning earth in travail and in pain
> Brings forth its roses, but does not restore,
> And the dead nations never rise again.

Had the poet carefully studied the Bible and believed God's Word, he would not have ended his sublime poem on such a desperate note; for, though it may be true that as a principle "dead nations never rise again," this principle does not apply to Israel. In history we know of a long list of nations which died and never rose again. Some of these nations were mighty and influential, some even world powers like the Hittites, Babylonians, Assyrians, and Aztecs; yet, they all died and never rose again. But, the Bible singled out one nation, the Jewish people, to be a peculiar treasure unto God above all people. (Cf. Ex. 19:5). We know now that this exceptional "dead nation," the Jewish people, did rise again and is now a well established State, the Land of Israel. Longfellow, great friend of the Jews, would have been happy to see that his own secular philosophy does not apply where God is at work.

EXEMPLIFIED BY EZEKIEL

The prophet Ezekiel's vision about the "dead bones" of the house of Israel probably took place also in a Jewish cemetery, in exile. The prophet, like the poet, saw a dead nation in the dead bones; but unlike the poet he foresaw that this *exceptional* "dead nation" shall rise again. We read in the Book:

> The hand of the LORD was upon me, and carried me out in the spirit of the LORD, and set me down in the midst of the valley which was full of bones . . .
>
> And he said unto me, Son of man, can these bones live? And I answered, O Lord GOD, thou knowest . . .
>
> Then said he unto me, Prophesy unto the wind, prophesy, son of man, and say to the wind, Thus saith the Lord GOD: Come from the four winds, O breath, and breathe upon these slain, that they may live.
>
> So I prophesied as he commanded me, and the breath came into them, and they lived, and stood up upon their feet, an exceeding great army.
>
> Then he said unto me, Son of man, these bones are the whole house of Israel: behold, they say, Our bones are dried, and our hope is lost: we are cut off for our parts.
>
> Therefore prophesy and say unto them, Thus saith the Lord GOD: Behold, O my people, I will open your graves, and cause you to come up out of your graves, and bring you into the land of Israel. And ye shall know that I am the LORD, when I have opened your graves, O my people, and brought you up out of your graves, And shall put my spirit in you, and ye shall live, and I shall place you in your own land: then shall ye know that I the LORD have spoken it, and performed it, saith the LORD (Ezekiel 37).

Probably we shall never know whether the poet read this chapter of the prophet before writing his poem but did not have that mighty faith that laughs at impossibilities and says, "It can be done;" or, whether the poet just did not have time to compare his inspiration on a "Jewish cemetery at Newport" with the divine inspiration of a Jewish prophet on a cemetery somewhere in great Babylon.

PAUL'S PROPHECY ABOUT HIS PEOPLE

The apostle Paul also knew the principle, "dead nations do not rise again," but by faith he knew that this principle did not apply to his own people Israel. He wanted the Christian believers in Rome to know what most people do not know, namely that Israel is a MYSTERY, an exception, a MIRACLE among the nations:

> For I would not, brethren, that ye should be ignorant of this mystery, lest ye should be wise in your own conceits; that blindness in part is happened to Israel, until the fullness of the Gentiles be come in.
>
> And so all Israel shall be saved: as it is written, There shall come out of Zion the Deliverer, and shall turn away ungodliness from Jacob (Romans 11:25-26).

A large part of Israel may be spiritually blind as regards the Messiahship and divinity of the Lord Jesus Christ, but the Gentile Christian is in an equal state of blindness if he cannot see that God still has a plan and a purpose for His Jewish people. The Church, composed of Gentiles and Jews, is not a substitute for the nation of Israel which is now being regathered *physically.* However, one day Israel will also be saved spiritually according to the prophecies in the Hebrew Scriptures and in the New Testament Scriptures.

**ISRAEL — A MODERN MIRACLE, by Joseph Hunting**

**This is a beautifully illustrated forty-eight page paperback with a full-color cover picture of the Western Wall, or the so-called Wailing Wall, David's Tower and the masses of Jewish people gathered there when the Wall was returned to Israel. Write us for your free copy.**

**THE SHEPHERD OF ISRAEL, 236 West 72nd Street, N. Y., N.Y. 10023**

*Published Monthly except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York, N. Y. 10023*

MORE TO COME

The above mentioned prophecies are part of our glorious future. Other prophecies are being fulfilled before our very eyes; still others are in the process of fulfillment and the rest await fulfillment in the very near future.

Joseph H. Hunting, well known Australian writer and friend of Israel, lists other prophecies which have been fulfilled in the last decade, as follows:

1. The prophecy concerning the ancient high places.

> "Thus saith the Lord GOD; Because the enemy hath said against you, Aha, even the ancient high places are ours in possession (Ezek. 36:2).

On this Dr. Hunting remarks:

> *Not every generation is privileged to witness prophecy becoming history in the short space of six days.* Yet old borders were made obsolete overnight and on June 7th, 1967, Jerusalem was wrenched from Jordan's grasp, and the Temple Mount and the Wailing Wall, the most sacred of all the "high places", were liberated from the enemy. (*Israel—A Modern Miracle*, p. 6)

2. The prophecy concerning Israel's reafforestation programme.

> "Ye mountains of Israel . . . Thus saith the Lord GOD: Because they have made you desolate . . . But ye, O mountains of Israel, ye shall shoot forth your branches, and yield your fruit to my people of Israel; for they are at hand to come." (Ezekiel 36:3,8).

To quote again Dr. Hunting:

> During this long dispersion, the once beautifully wooded hills of Galilee and Judea became denuded of trees and pitifully eroded from neglect . . . One can only marvel at the tremendous change that has taken place in Israel . . . Once again the sycamore, tamarisk and myrtle trees have been planted by the tens of thousands . . . Entire forests have now reclothed the once-barren Judean hills . . . 200,000,000 trees have already been planted . . . reclothing the hills and mountains with trees makes us most conscious of *the Divine promise*, "O mountains of Israel, ye shall shoot forth your branches . . . (*Israel—A Modern Miracle*, p. 11,12).

3. The greatest prophecy yet to be fulfilled.

We have seen that the prophets foretold events which have been fulfilled throughout the history of the human race, but especially in these last years, when their predictions have come to pass with supernatural exactness. This happened, because it was God the *Ruach Hakodesh* (Holy Spirit) who spoke through them.

On that basis we know and can be absolutely sure that the greatest events which all prophets foretold will also happen with the same exactitude.

We mentioned that the great disciple of Rabban Gamaliel, Saul of Tarsus the apostle Paul, knew and foretold the salvation of his own people saying, "all Israel shall be saved" (Romans 11:26). This he knew by direct revelation from God and also by the predictions of the prophets of the Hebrew Scriptures; for, they all spoke with one accord of Israel's physical restoration to the land of Israel and her spiritual restoration through the Messiah Yeshua, the Lord Jesus Christ.

It is Him that the prophet Isaiah sees as the Suffering Servant of Jehovah, whom our people will recognize, and they will say: "Who hath believed our report? . . . Surely he hath borne our griefs and carried our sorrows; yet we did esteem him stricken, smitten of God, and afflicted. But he was wounded for our transgressions, he was bruised for our iniquities . . ." (Isaiah 53).

The prophet Jeremiah sees Him as the Righteous Branch of David's house and says, "In his days Judah shall be saved, and Israel shall dwell safely: and this is his name whereby he shall be called *Jehovah Tsidkenu*, THE LORD OUR RIGHTEOUSNESS." (Jeremiah 23:6).

Zechariah the prophet sees Him as the Pierced One to whom our people will look up and be saved:

> "And I will pour upon the house of David, and upon the inhabitants of Jerusalem, the spirit of grace and of supplications, and they shall look upon me whom they have pierced" (Zechariah 12:10).

God is true; His Word is true. We invite you to look on Him who was pierced and died as your *korban* for sins, and be redeemed and forgiven. This is God's invitation to you, today.

---

## TESTIMONY

**Mitchell Seidman, Aeronautical Engineer**

My training and experience as an engineer has taught me to search for facts, analyze them and find answers.

Sometimes, even in engineering and science, we make basic assumptions which cannot be proven. Why then are they accepted? The answer is that they work when put to a test whereas other assumptions fail.

I have personally investigated and tested God's promises in the scriptures to see if they work. The Old Testament promises that anyone who searches for God can find Him, if they search for Him with all their heart.

Testing this promise I have found that God does reveal Himself to me through His Son, the Messiah. God is a living reality in my life, and as He has promised, I found peace and joy through the love of Christ.

How can a Jew believe in Christ? I have accepted Him because what the scriptures promised fits perfectly together with the facts of history and my personal experience has verified the promise of God's Messiah.

**AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.**

***Established by Leopold Cohn in 1894***



HEADQUARTERS

LEOPOLD COHN MEMORIAL BLDG.
236 WEST 72nd STREET
NEW YORK, N. Y.

*Published monthly to make known to Israel the truth concerning the Messiah.*

### COME TO OUR MEETINGS

*New York Area:*

*Manhattan, Beth Sar Shalom,* 236 West 72nd St., 10023
Rev. Charles Eisenberg. Tel: 362-7201

*Coney Island,* 3116 Neptune Ave.
Miss Hilda Koser. Tel: ES 2-2749

*Hollis,* 88-40 192nd Street
Rev. William Ennis. Tel: 479-4565

*Huntington Station, L. I.*
*'Beth Sar Shalom'* 27 Liberty Street
Mrs. Clara Rubin. Tel: HA 7-1825

*Levittown, L. I.,* 6 Parkside Drive
Miss Ruth Wardell. Tel: PErshing 5-4577

*California:*

*Hollywood,* 6136 Lexington Avenue
Rev. Harold Sevener
Tel: HOllywood 2-2263

*Colorado:*

*Denver,* 1175 Jasmine Street
Mr. Eliezer Urbach. Tel: 388-3966

*Florida:*

*North Miami Beach,* 16001 N.E. 18 Ave.
Rev. Martin Klayman. Tel: 949-5009

*Hollywood,* 2039 Harrison Street
Rev. Raymond Cohen, Tel: 920-1638

*Illinois:*

*Chicago,* 6057 N. Kedzie
Rev. Harry Jacobson. Tel: 338-5959

*Minnesota:*

*Minneapolis,* 6212 Minnetonka Blvd.
Rev. David Woods. Tel: 929-2036

*Pennsylvania:*

*Pittsburgh,* 5808 Beacon Street
Rev. Henry Johnson. Tel: 521-8381

*Texas:*

*Dallas,* 5324 Northwest Highway
Dr. Thomas S. McCall. Tel: 369-3274

*Washington, D.C.:*
5917 16th Street, N.W.
Rev. Robert Miller. Tel: 726-4909

דעריבער זאָג נביאות, און זאָלסט זאָגן צו זיי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: זע, איך עפן אייערע קברים, און וועל אייך, מיין פאָלק, אַרויף ברענגען פון אייערע קברים, און אייך ברענגען קיין ארץ ישראל. און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה, ווען איך עפן אייערע קברים. און ווען איך ברענג אייך אויף פון אייערע קברים, מיין פאָלק, וועל איך אַריינגעבן מיין גייסט אין אייך, און איר וועט לעבעדיק ווערן, און איך וועל אייך לאָזן רוען אין אייער לאַנד, און איר וועט וויסן אַז איך יהוה האָב גערעדט און געטאָן, זאָגט יהוה (יחזקאל ל״ז 37).

אפשר וועלן מיר זיך קיינמאָל ניט דערוויסן צי דער פּאָעט האָט געלערנט דאָס קאַפּיטל איידער ער האָט אָנגעשריבן זיין פּאָעמע נאָר ער האָט ניט געהאַט קיין אמונה צו גלויבן אַז עס וועט טאַקע אַזוי געשען; אָדער, אפשר האָט ער נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרגלייכן זיין פּאָעמע וועגן אַ יידישן בית עולם אין ניופּאָרט מיט דעם געטלעך אינספּירירטן נביאות פון יחזקאל אין אַ בית עולם ערגעץ אין בבל.

## ישראל אינעם ברית חדשה

אויך שאול איש תרשיש האָט געוואוסט דערפון אַז „טויטע פעלקער שטייען מער ניט אויף", אָבער דורך אמונה האָט ער געוואוסט אַז דער פּרינציפּ באַציט זיך ניט צו זיין אייגן פאָלק ישראל. ער האָט געוואָלט אַז די קריסטלעכע מאַמינים אין רוים זאָלן וויסן דאָס וואָס מערסטע מענטשן ווייסן ניט, נעמלעך אַז ישראל איז אַ גרויסער סוד פון גאָט, אַן אויסנאָם, אַ וואונדער צווישן די פעלקער:

וואָרעם איך וויל ניט, ברידער, פאַרהוילן פון אייך דעם דאָזיקן סוד, כדי איר זאָלט זיך ניט האַלטן פאַר קיין חכמים אין אייערע אייגענע אויגן, אַז אַ פאַרהאַרטונג איז געקומען אויף אַ טייל פון ישראל, ביז די פולקייט פון די אומות העולם וועט זיין איינגעזאַמלט.

און אַזוי וועט גאַנץ ישראל געראַטעוועט ווערן, ווי עס איז געשריבן: ובאָ לציון גואל, דער אויסלייזער וועט קומען קיין ציון, און וועט אָפּטאָן די זינד פון יעקבן; (בריוו צו די רוימער 25:11־26).

עס מעג זיין אַז אַ טייל פון ישראל איז פאַרבלענדט אין באַצוג צו ישוע המשיחן, צי ער איז טאַקע דער משיח און בן אלהים; אָבער דער קריסט איז אויך פאַרבלענדט אויב ער איז ניט אימשטאַנד איינצוזען אַז גאָט האָט זיין פּלאַן און תכלית מיטן יידישן פאָלק. ישראל וועט אויסגעלייזט ווערן אין אַ גייסטיקן זין לויטן די נבואות פונעם תנ״ך און ברית חדשה.

## אַנדערע דערפילטע נבואות

די אויבן דערמאָנטע נבואות זיינען נאָר אַ טייל פון אונדזער גלאָררייכער צוקונפט. אַנדערע פּראָפעצייאונגען ווערן דערפילט פאַר אונדזערע אויגן; נאָך אַנדערע דאַרפן אין גיכן דערפילט ווערן, באַלד אין אונדזערע צייטן.

יוסף האָנטינג, באַוואוסטער שרייבער פון אויסטראַליען, אַן אוהב ישראל, באַשרייבט די נבואות וועלכע זיינען דערפילט געוואָרן אין די לעצטע צען יאָרן:

### 1. די נבואָה וועגן די במות

אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: ווייל דער פיינט האָט אויף אייך געזאָגט אַהאַ! אויך די אַלטערטימלעכע הייכן (במות) זיינען אונדז צו ירושה געוואָרן (יחזקאל 2:36).

וועגן דעם שרייבט ד״ר האָנטינג אַזוי:

ניט יעדער דור האָט דעם זכות צו זעען ווי אַזוי נבואָה ווערט דערפילט אינעם משך פון זעקס טעג. דאָך אַלטע גרענעצן זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן אינעם זיבעטן טאָג פון יוני 1967. אַלט ירושלים איז אַוועק גענומען געוואָרן פון ירדנס הענט, און דער הר הבית מיטן כותל המערבי, דער הייליקסטער אָרט פון אַלע „הייכן" זיינען באַפרייט געוואָרן פונעם שונא. (ישראל — אַ היינטיקער נס).

### 2. די נבואָה וועגן דער באַוואַלדונג פון ישראל

דרום איר בערג פון ישראל... וואָס זיינען געוואָרן צו רויב און שפּאָט... איר בערג פון ישראל וועט געבן אייערע צווייגן, און טראָגן אייער פרוכט, פאַר מיין פאָלק ישראל, ווייל עס דאַרף באַלד געשעען (יחזקאל ל״ו 8,4:36).

מיר ציטירן ווידער פונעם זעלבן ספר:

אין צייט פונעם לאַנגן יידישן גלות זיינען די שיינע, מיט ביימער באַצירטע, בערגלעך פונעם גליל און פון יהודה פאַרוויסט געוואָרן און האָבן אויסגעזען נאַקעט צוליב דער פאַרלאָזנקייט... מיר שטייען פאַרוואונדערט איבער דער גרויסער פאַרענדערונג וואָס געשעט איצט אין ישראל... עס וואַקסן ווידער די סאָסנע ביימער די טאַמאַריסקן ביימער אין די טויזנטער. אַזוי אַרום איז די נבואָה דערפילט.

### 3. די גרעסטע נבואָה וואָס דאַרף באַלד דערפילט ווערן

מיר האָבן שוין איינגעזען אַז די נביאים האָבן פאָראויס געזאָגט זאַכן וואָס זענען דערפילט געוואָרן אינעם משך פון דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן מין, און פיל מער אין די היינטיקע צייטן, ווען אַליץ ווערט דערפילט מיט פּינקטלעכקייט. עס איז אַזוי געשעען ווייל די נביאים האָבן עס פאָראויס געזאָגט ברוח הקודש. דעריבער זענען מיר זיכער אַז די גרעסטע נבואָה וועט אויך דערפילט ווערן מיט דער זעלבער פּינקטלעכקייט.

מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט ווי אַזוי שאול איש תרשיש, רבן גמליאלס גרויסער תלמיד, האָט פאָראויסגעזאָגט אַז גאַנץ ישראל וועט דערלייזט ווערן" (רוימער בריוו 26:11). ער האָט עס געוואוסט ברוח הקודש און אויפן סמך פון די נביאים; ווייל כמעט אַלע נביאים האָבן פאָראויסגעזאָגט ביידע זאַכן צוזאַמען; אַז ישראל וועט דערלייזט פיזיש און אויך אויסגעלייזט ווערן גייסטיק דורך ישוע המשיחן דער האַר און גואל צדק.

אים האָט ישעיה הנביא פאָראויס געזען אַלס דעם ליידענדן קנעכט פון גאָט, וועמען אונדזער פאָלק וועט דערקענען און אויסרופן, „ווער האָט עס געגלויבט די נייעס? אָבער ער האָט געטראָגן אונדזערע ליידן און געליטן אונדזערע צרות, און מיר האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ געפּלאָגטן, געשלאָגן פון גאָט, און געפּייניקט. אָבער ער איז דורכגעבויערט געוואָרן פונוועגן אונדזערע זינד, ער איז צעשטויסן געוואָרן פונוועגן אונדזערע אומגערעכטיקייטן... (ישעיה נ״ג 53).

ירמיה הנביא זעט משיחן אַז ער איז דער גערעכטער צווייג פון דודס הויזגעזינט און זאָגט, „אין זיינע טעג וועט יהודה געראַטעוועט ווערן, און ישראל וועט וואוינען אין זיכערקייט; און אָט איז דער נאָמען וואָס ער וועט הייסן יהוה צידקנו, גאָט אונדזער גערעכטיקייט". (ירמיה כ״ג 6:23).

זכריה הנביא זעט אים ווי אַזוי ער וועט אדורך געשטאָכן ווערן צו וועמען מענטשן וועלן אַרויף קוקן און געראַטעוועט ווערן:

„און איך וועל אויסגיסן אויפן הויזגעזינד פון דוידן, און אויף די איינוואוינער פון ירושלים, דעם גייסט פון חן און פון געבעט, און זיי וועלן אַרויף קוקן צו מיר וועמען זיי האָבן אַדורך געשטאָכן" (זכריה י״ב 10:12).

גאָט איז אמת און זיין וואָרט איז אמת. מיר טוען אייך איינלאַדן אַז איר זאָלט אַרויף קוקן באמונה צו אים וואָס איז אַדורך געשטאָכן געוואָרן אַלס קרבן פאַר אייערע זינד, און איר וועט האָבן דערלייזונג און פאַרגעבונג. אָט איז גאָטס איינלאַדונג צו אייך.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

**קומט צו מיר, איהר אַלע, וואָס זענט מיד און שווער באַלאָדען, און איך וועל אייך געבען רוה. נעמט אויף אייך מיין עול און לעהרענט פון מיר; ווייל איך בין עניוות'דיג און נידעריג אין געמיט: און איהר וועט געפינען רוה פאַר אייערע נשמות. וואָרים מיין עול איז גרינג און מיין משא איז לייכט.**

**— מתתיהו י״א: 28־30.**

אָנכי הוא הרועה הטוב
יוחנן י, 11

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רועה אחד
יחזקאל ל״ד, 23

**אַ מאָנאַטלעכע אויסגאַבע אויפצוקלערן דעם אמת וועגן משיחן**

Subscription 50 Cents a Year. | FEBRUARY 1972 | Vol. 56 - No. 6


# ישראל — גאָטס וואונדער


פון ירחמיאל פרידלאַנד


צוריק מיט אַ יאָרהונדערט האָט דער גרויסער אמעריקאַנער פּאָעט הענרי לאָנגפעללאָ געשריבן זיין ליד אונטערן קעפּל דער יידישער בית עולם אין ניופּאָרט. אין דעם ליד איז דאָ ליבע, פאַרשטאַנד און באַוואונדערונג פאַרן יידישן פאָלק. צו דערזעלבער צייט האָט ער פאַרדאַמט די אַזוי גערופענע קריסטן וואָס „שפּעטן, מאַכן חוזק, און פאַרוואַרפן״ די יידישע מרדכים. ער שרייבט אַזוי:

חרם, מרנתאַ! איז דאָס געשריי און געזאַנג,
פון שטאָט צו שטאָט, גאַס צו גאַס הערט זיך
דער קלאַנג:

מרדכין דעם יידן, ביי יעדן טיר און טויער,
זיי שפּאָטן און לאַכן — פון אויער צו אויער.

שטאָלץ און ענווה —ביידע צוזאַמען
האָבן זיי באַגלייט אויף אַלע וועגן און שטעגן,
געטרעטן אונטער די פיס ווי שטויב און זאַמד
דאָך ווי דער באַרג ניט געקענט זיי באַוועגן.

## משורר קעגן נביא

דער מחבר פון דעם ליד איז געווען אַ גרויסער פּאָעט און אַ ליבהאָבער פונעם יידישן פאָלק; אָבער ער איז אָדער געווען אומבאַקאַנט מיט די ווערטער פון די נביאים, אָדער ער האָט איגנאָרירט דאָס וואָס דער תנ״ך זאָגט פאָראויס וועגן יידישן פאָלק. אַנישט וואָלט ער ניט געענדיקט זיין פּאָעמע מיט די פאָלגענדע ווערטער:

אָבער געוואַלט! וואָס געווען וועט שוין
מער ניט זיין:
די קרעכצענדע ערד, אין ליידן און נויט
געבירט די בלומען, אָבער גיט ניט צוריק קיין
ביין,
און פאַרשטאָרבענע פעלקער וועלן ניט אויפ-
שטיין פון טויט.

וואָלט דער משורר געלערנט תנ״ך און וואָלט ער געגלויבט גאָטס וואָרט, דאַן וואָלט ער ניט געענדיקט דאָס גרויסע ליד מיט אַזאַ האָפענונגסלאָזן סוף! ווייל, כאָטש עס איז טאַקע אמת אַז געוויינלעך וועלן „פאַרשטאָרבענע פעלקער ניט אויפשטיין פון טויט״, דאָס איז אָבער ניט דער פאַל מיטן יידישן פאָלק. אַ טייל פון די לענדער און פעלקער זענען געווען מעכטיק און איינפלוסרייך, אַ טייל זענען געווען וועלט מאַכטן ווי די חתים, מלכות בבל, אשור, און די אַזטעקן; אָבער זיי זענען אַלע פאַרשטאָרבן און וועלן מער ניט אויפשטיין. אָבער די כתבי הקודש, דער תנ״ך מאַכט אַן אויסנאַם פאַר איין פאָלק, אַז דאָס פאָלק זאָל זיין אַן אויסגעוויילט פאָלק איבער אַלע פעלקער, אַזוי ווי מיר לערנען אין פּרשת יתרו. מיר ווייסן גאַנץ גענוי אַז דער אויסנאַם, דאָס פאָלק ישראל, איז טאַקע אויפגעשטאַנען תחיית המתים און איז איצט אַ באַפעסטיקטע אומה אין ארץ ישראל. דער משורר, לאָנגפעללאָ, איינער פון די חסידי אומות העולם, וואָלט זיך געפרייט איינצוזעען אַז זיין פילאָזאָפיע באַציט זיך ניט צו אַ פאָלק וועמען גאָט האָט אויסגעוויילט.

## יחזקאלס נבואה

יחזקאל הנביאס זעאונג פון די „טויטע ביינער״ פונעם הויזגעזינט פון ישראל איז מסתמא געשען אויף אויף אַ יידישן בית עולם אין גלות בבל. דער נביא, אַזוי ווי דער משורר, האָבן אין די טויטע ביינער געזען דעם סימבאָל פונעם יידישן פאָלק אין גלות; אָבער דער נביא האָט אויך איינגעזען אַז דאָס „טויטע פאָלק״ איז אַן אויסנאַם און וועט ווידער אויפשטיין תחיית המתים. מיר לערנען דאָרט:

די האַנט פון גאָט איז געווען אויף מיר, און ער האָט מיך אַרויסגעפירט מיט דעם גייסט פון גאָט, און ער האָט מיר אַוועק געפירט אין מיטן פונעם טאָל, און ער איז געווען פול מיט ביינער... און ער האָט צו מיר געזאָגט: מענטשנקינד, קענען די דאָזיקע ביינער לעבעדיק ווערן? האָב איך געענטפערט: גאָט דו האַר, דו ווייסט דאָך...

האָט ער צו מיר געזאָגט: זאָג נביאות צו דעם אָטעם, זאָג נביאות, דו מענטשנקינד, און זאָלסט זאָגן צו דעם אָטעם אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: פון די פיר ווינטן קום, דו אָטעם, און הויך אַריין אין די דאָזיקע הרוגים, אַז זיי זאָלן לעבעדיק ווערן.

און איך האָב נביאות געזאָגט אַזוי ווי ער האָט מיר באַפוילן, און דער אָטעם איז אין זיי אַריין, און זיי זיינען לעבעדיק געוואָרן; און זיי האָבן זיך געשטעלט אויף זייערע פיס, אַ זייער זייער גרויסע מחנה. און ער האָט צו מיר געזאָגט: מענטשנקינד, די דאָזיקע ביינער, זיי זיינען דאָס גאַנצע הויז פון ישראל; זע, זיי זאָגן: פאַרטריקנט זיינען אונדזערע ביינער, און אונדזער האָפענונג איז פאַרלוירן; מיר זיינען פאַרשניטן געוואָרן.


## ישראל — אַ היינטצייטיק וואונדער
פון יוסף האָנטינג

עס איז אַ הערלעך שיין ספר פון אַכט און פערציק זייטלעך. דאָס בוך איז באַצירט מיט אַ וואונדער שיין בילד פונעם כותל המערבי, דוד המלכס טורעם, און די מאַסן יידן וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט דאָרטן, ווי אויך אַנדערע הערלעך שיינע בילדער פון ארץ ישראל. שרייבט אונדז און מיר וועלן אייך שיקן אַן עקזעמפּלאַר אינגאַנצן אומזיסט. אונדזער אַדרעס: **רועה ישראל**

**THE SHEPHERD OF ISRAEL, 236 West 72nd St., New York, N. Y. 10023**



*Published Monthly except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York, N. Y. 10023*